בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ע"ב

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת ואתחנן - נחמו
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פַּרְשַׁת קֹרַח שְׁנַת תשפ"ד

## דֶער וֶועג פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נַייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת קֹרַח שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### וָואס אִיז אוּנְזֶער צִיל?

גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הֵייבְּט מֶען מָארְגְן אָן דֶעם זוּמֶער זְמַן, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן זֵייעֶר גוּטֶע סְטֶעף סֵיי אִין חֵדֶר אוּן סֵיי אִין שׁוּלֶע.

וֶוען אַ בַּעַל הַבַּיִת נֶעמְט אוֹיף אַן אַרְבֶּעטֶער אִיז פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן עֶר זָאל זָאגְן פַאר דֶעם אַרְבֶּעטֶער וָואס עֶר פַארְלַאנְגְט פוּן אִים, נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט רְמָזִים, מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט פָארְהַאלְטְן: **"הָאסְט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעוָואלְט?"** וַוייל אַז מֶען זָאגְט עֶס נִישְׁט, וֵוייסְט מֶען נִישְׁט; דֶערְפַאר, וִויל אִיךְ נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְפְרִישְׁן דֶער צִיל וָואס מִיר וִוילְן דָא מִיטְ'ן קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער.

אוּנְזֶער צִיל אִיז: אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן קִינְדֶער, אוּן בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

### בַּיים שְׁפִּילְן אִיז נִישְׁטָא דִי וַואטֶע אִין אוֹיעֶר

זוּמֶער אִיז פוּן אֵיין זַייט אַבִּיסְל שְׁוֶוערֶער, וַוייל דִי קִינְדֶער וִוילְן מֶער זַיין פְרֵיילִיךְ, טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, דִי קָאפּ אִיז נִישְׁט דָא צוּ לֶערְנֶען, אַיינְזִיצְן אוּן אוֹיסְהֶערְן לַאנְגֶע שִׁיעוּרִים, דֶערִיבֶּער אִיז אָנְגֶענוּמֶען אִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אַז זוּמֶער אִיז אַ צַייט וָואס דִי קִינְדֶערְ'ס קָאפּ אִיז נִישְׁט דָא, מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז אִין אַ גֶעוִויסֶע זִין אִיז זוּמֶער אַסַאךְ גְרִינְגֶער, טַאקֶע פַארְדֶעם, וִויבַּאלְד אַ גְרוֹיסֶע חֵלֶק פוּנֶעם טָאג אִיז שְׁפִּילְן, שְׁוִוימֶען, פְּרָאגְרַאמֶען אוּן אַקְטִיוֶועטֶעטְן, קֶען מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם כַּאפְּן, מֶען קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיפְבּוֹיעֶן, אוּן יֶעדְן אֵיינֶעם בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען זִיצְט בַּיי אַ כִּתָּה אוּן מֶען גֶעבְּט אַ שִׁיעוּר, זֶענֶען אַלְץ דָא קִינְדֶער וָואס זִיצְן אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ: 'אִיךְ בִּין סַיי וִוי נִישְׁט קַיין גוּט קִינְד, אוּן מַיין רֶבִּי הָאט מִיךְ סַיי וִוי נִישְׁט לִיבּ', דָאס קֶען מֶען נִישְׁט וִויסְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן, נָאר שְׁטִילֶערְהֵייט בַּיי זִיךְ אִין מֹחַ קְלַאפְּט זִיךְ דֶער קִינְד אַרָאפּ.

אַסַאךְ מָאל קֶענֶען זִיךְ מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וואוּנְדֶערְן, 'אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶערֶעדְט אַ גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס וֶועגְן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, אוּן שׁוֹין טְשֶׁעפֶּעט מֶען זִיךְ וַוייטֶער?' אָדֶער 'אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶערֶעדְט אַ גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס וֶועגְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶונֶען, אוּן קֵיינֶער דַאוֶונְט נִישְׁט בֶּעסֶער?' זָאלְט עֶטְץ וִויסְן אַז אַסַאךְ מָאל קֶען מֶען גֶעבְּן אַ גַאנְצֶע שִׁיעוּר פוּן אַ שָׁעָה צַייט, אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶערְ'ס אוֹיעֶרְן, וַוייל עֶפֶּעס אִינֶעם מֹחַ זָאגְט פַארְ'ן קִינְד: 'הֶער נִישְׁט אוֹיס דֶער שִׁיעוּר, עֶס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר, דוּ בִּיסְט סֵיי וִוי נִישְׁט גוּט, דוּ בִּיסְט אַ שְׁלֶעכְט קִינְד, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דִיךְ סֵיי וִוי נִישְׁט לִיבּ'; עֶס בּוֹיעֶט זִיךְ אוֹיף קַאמְפְּלֶעקְסְן אִינֶעם קִינְדְ'ס מֹחַ, בִּיז דֶער קִינְד בַּאקוּמְט וַואטֶע אוּן שְׁטָאפֶּערְס אִין זַיינֶע אוֹיעֶרְן, אַז דֶער קִינְד הֶערְט נִיטְאַמָאל אוֹיס וָואס דֶער מְלַמֵּד רֶעדְט.

אָבֶּער וֶוען מֶען שְׁפִּילְט אוּן מֶען שְׁוִוימְט אִיז דָאךְ יֶעדֶער דָא, קֶען מֶען אַרַיינְדְרֵייעֶן אִינְמִיטְן שְׁפִּילְן אוּן שְׁוִוימֶען, אוּן אִין דִי פָּאן 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער', אוּן 'אֱמוּנָה'.

יֶעדֶער מְלַמֵּד אוּן טִיטְשֶׁער קֶען אוֹיפְקוּמֶען מִיט אֵייגֶענֶע בֵּייפַאלְן וִוי אַזוֹי אַרַיינְצוּדְרֵייעֶן אִין דִי קִינְדֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זָאגְן נָאךְ יֶעדֶע הַצְלָחָה אִינֶעם שְׁפִּיל: **"שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, אָדֶער לֶערְנְט מֶען אוֹיס דִי קִינְדֶער צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶס קוּמְט דַיין רֵייעֶ צוּ שְׁפִּילְן, אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי גוּטֶע מִדָּה פוּן נָאכְגֶעבְּן, אוּן דָאס וִויכְטִיגְקֵייט פוּן שְׁמֵייכְלֶען אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

### דֶער וֶועג פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ

בִּשְׁעַתְ'ן עֶסְן, שְׁפִּילְן, שְׁוִוימֶען אוּן טַאנְצְן קֶען מֶען גְרִינְגֶער אַרַיינְלֵייגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַ מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה י:) אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין שִׁיעוּרִים אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר מֶענְטְשְׁן אֱמוּנָה, נָאר אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ טֶענְט (גֶעצֶעלְט) מִיט טִירְן בַּיי דִי פִיר זַייטְן אוּן גֶעטֵיילְט סְעוּדוֹת, אוּן בַּיי דִי סְעוּדוֹת הָאט עֶר גֶערֶעדְט צוּ יֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער. אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אֵיין אַבְרָהָם אָבִינוּ, פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז דִי וֶועלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר וִויסְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען מִילְיָאנֶען מִילְיָאנֶען גוֹיִם אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען אוּן גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ בֵּייפַאל, עֶר הָאט גֶעטֵיילְט עֶסְן אוּן בִּשְׁעַתְ'ן עֶסְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר יֶעדְן: **"שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט דִי עֶסְן"**, אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זֵיי דִי אֱמוּנָה.

מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז בִּשְׁעַת מֶען עֶסְט, מֶען מַאכְט אַ קַארְנִיוַול, מֶען טֵיילְט פַּאפְּקָארְן אוּן מֶען מַאכְן קַאטְן קֶענְדִי (אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רוּפְט מֶען עֶס 'מְבַמְבַּם'), קֶען מֶען גְרִינְג אַרַיינְלֵייגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט"**, אוּן אוֹיךְ קֶען מֶען דֶעמָאלְט אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער,

נֶעמֶען אַ קִינְד אִין דִי זַייט און אִים גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, אִים זָאגְן: **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי ווֹאוֹיל"**.

## גֶעדֶענְקֶען אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער

טַייעֶרֶע מְלַמְדִים און טִיטְשֶׁערְס, אִיךְ וִויל עֶנְק זַייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן, עֶס קוּמְט יֶעצְט זוּמֶער, יֶעדֶער אֵיינֶער גְרֵייט זִיךְ אָן וָואס מֶען גֵייט לֶערְנֶען און וָואס מֶען דַארְף טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר יֶעדְן קִינְד.

מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן קֵיין אוֹיסְנַאם צְוִוישְׁן אֵיין קִינְד מִיטְ'ן צְוֵוייטְן קִינְד, וָואס זָאל אַ קִינְד טוּן אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַזוֹי קְיוּט, עֶר אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאחֵנְ'ט?! יֶעדֶער קִינְד מוּז בַּאקוּמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער: **"דוּ קֶענְסְט יָא"**, **"דוּ בִּיסְט יָא מַצְלִיחַ"**, **"דוּ בִּיסְט ווֹאוֹיל"**, **"דוּ בִּיסְט פֵיין"**.

## וֶוען זָאל מֶען גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער?

גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיז גוּט צוּ גֶעבְּן אַמָאל בָּרַבִּים, אַמָאל פְּרִיוַואט, און אַמָאל בִּכְלַל נִישְׁט אִין חֵדֶר אָדֶער שׁוּלֶע, נָאר וואוּ אִימֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ מְלַמֵד אָדֶער טִיטְשֶׁער אִיז אִין גְרָאסֶערִי, עֶר קוֹיפְט אַיין אוֹיף שַׁבָּת, און דֶער מְלַמֵד טְרֶעפְט אַ טַאטֶע מִיט זַיין זוּן, און דִי טִיטְשֶׁער טְרֶעפְט אַ מַאמֶע מִיט אִיר טָאכְטֶער, אֲפִילוּ דָאס קִינְד לֶערְנְט נִישְׁט בַּיי מִיר דָאס יָאר, עֶר אִיז אַ כִּתָּה יוּנְגֶער אָדֶער אַ כִּתָּה עֶלְטֶער, זָאג פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן: **"עֶר אִיז אַזַא טַייעֶר קִינְד, אַזַא ווֹאוֹיל קִינְד"**.

## גוּטֶע וֶוערְטֶער בְּרֶענְגְט נִישְׁט קֵיין חוּצְפָּה

גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר קִינְדֶער אִיז דָאךְ אַזוֹי וִויכְטִיג!

הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא צוּ גֶעבְּן נָאךְ אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ קִינְד, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט וֶוערְן קֵיין מְחוּצָף אוֹיבּ עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען נָאךְ אַ גוּט וָוארְט, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי כִּתָּה וַוייל מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

גוּטֶע וֶוערְטֶער מַאכְט נָאר גֶעזוּנְט אַ מֶענְטְשׁ.

## אִיךְ בִּין אַ מַאשִׁין, אָן גֶעפִילְן

עֶס קוּמֶען צוּ מִיר אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין שְׁלוֹם בַּיִת, און זֵיי קֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אִין בִּיזְנֶעס, פַארְוָואס? וַוייל מֶען הָאט זֵיי אוֹיפְגֶעהָאדֶעוֶועט אָן גוּטֶע וֶוערְטֶער. אִינְגֶעלַייט זָאגְן מִיר: **"אִיךְ הֶער דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי וַוייבּ, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶס מֵיינְט לִיבְּשַׁאפְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּקְן אֵיינֶעם אִין דִי אוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין גֶעפִילְן, אִיךְ בִּין אַ מַאשִׁין, אִיךְ טוּ אַלֶעס פֶּערְפֶעקְט (בִּשְׁלֵמוּת) אִיךְ קוּם און אִיךְ גֵיי, אִיךְ גֵיי אִין שׁוּל און אִיךְ גֵיי צוּ דִי אַרְבֶּעט, אָבֶּער אַלֶעס אָן גֶעפִילְן און נִישְׁט גֶעזוּנְט"**, דָאס קוּמְט וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען יוּנְגֶערְהֵייט קֵיין גוּטֶע וֶוערְטֶער.

גֶעבּ אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ קִינְד, גֶעבּ אַ גְלֶעט פַאר אַ קִינְד, זָאג אִים: **"בִּיסְט אַזוֹי ווֹאוֹיל"**, און זָאג אִים: **"וַאוּוּ, דַיין נֵייעֶ שִׁיךְ שְׁטֵייט אַזוֹי שֵׁיין אוֹיף דִיר"**.

## וָואס טוּט מֶען וֶוען אַ קִינְד קוּמְט נִישְׁט אַזוֹי אֵיידְל?

יֶעצְט וֶועל אִיךְ רֶעדְן אַ זַאךְ וָואס אִיז מֶער נוֹגֵעַ אִין סְקוּל, אִיךְ הָאף אַז דִי טִיטְשֶׁערְס וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן וָואס אִיךְ זָאג יֶעצְט.

אִיךְ וִויל עֶנְק בֶּעטְן; וֶוען מֶען זֶעט אַ קִינְד קוּמְט נִישְׁט אָנְגֶעטוּן אַזוֹי אֵיידְל, זָאל מֶען וִויסְן אַז עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיטְ'ן קִינְד, דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת, עֶס הָאט מִיט זֵייעֶרֶע מַאמֶעס.

עֶס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ דָא מַאמֶעס וָואס הָאבְּן אַ בֶּעק פֵייעֶר (אַן אַנְגֶעגֶעסֶענֶע שִׂנְאָה) צוּ צְנִיעוּת, (עֶס קֶען זַיין אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל מֶען הָאט זֵיי עֶס גֶעגֶעבְּן נִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג), אָבֶּער וָואס זֶענֶען יֶעצְט דִי קִינְדֶער שׁוּלְדִיג?

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר לֶעצְטְנְס גֶעזָאגְט, עֶר וִויל שִׁיקְן זַיין טָאכְטֶער אִין בְּרֶסְלֶב אָבֶּער זַיין וַוייבּ אִיז נָאכְנִישְׁט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, שִׁיקְט עֶר בִּיז דֶערְוַוייל אִין אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד, זַיין טָאכְטֶער אִיז זֶעקְס יָאר, אֵיין טָאג קוּמְט זַיין טָאכְטֶער אַהֵיים, און זָאגְט אִים: **"טַאטִי, מַיין פְּרִינְצִיפְּל הָאט גֶעזָאגְט 'אוֹיבּ מֶען פָארְט מִיט אַ טְוִוילֶער (אַ בִּיצִיקְל) פַארְגֶעסְט מֶען דִי עִבְרִי, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט נִישְׁט אָנְנֶעמֶען דִי תְּפִילוֹת', עֶס אִיז אֱמֶת?"** דֶער אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט מִיר: "וָואס טוּ אִיךְ דָא? עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט מִיט אַ זִיסְקֵייט צוּ אִידִישְׁקֵייט, פַארְוָואס קֶען מֶען נִישְׁט פָּשׁוּט זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל צוּ פָארְן מִיט אַ טְוִוילֶער, פַארְוָואס דַארְף מֶען זָאגְן אַז אוֹיבּ מֶען פָארְט יָא, פַארְגֶעסְט מֶען דִי עִבְרִי און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט נִישְׁט אָנְנֶעמֶען דִי תְּפִילוֹת?!"

וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין יֶענֶע מוֹסָד וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט מַאכְן אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן פָאלְגְן, אִיךְ וָואלְט זֵיי גֶעזָאגְט 'עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אֵיידְל פַאר אַ קִינְד צוּ פָארְן מִיט אַ טְוִוילֶער' און שׁוֹין, פַארְוָואס דַארְף מֶען סְתָּם סְטְרַאשֶׁענֶען קִינְדֶער?!

נָאכְדֶעם זָאגְט עֶר מִיר, אַז דִי וָואךְ אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין סְקוּל, וַוייל עֶס הֵייבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן 'דֶעי קֶעמְפּ', הָאט זַיין טָאכְטֶער גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ מִיט אַזַא שִׂמְחָה: **"מַאמִי, הַיינְט אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קֵיין סְקוּל, הַיינְט קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין אָנְטוּן אַנְדֶערְשׁ ווִי דִי סְקוּל הֵייסְט"**, דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי זַייט און זִיךְ גֶעבִּיסְן דִי לִיפְּן פוּן צַעַר, 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מַיין טָאכְטֶער אִיז דָאךְ אַן אֵיידֶעלֶע טָאכְטֶער, זִי אִיז דָאךְ נָאךְ אַ פִּיצְקֶעלֶע קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר, און שׁוֹין הָאט זִי אַזַא שִׂנְאָה קֶעגְן צְנִיעוּת?!' עֶר זָאגְט מִיר אִיךְ הֶער דִי דְרָשׁוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן צְנִיעוּת, מִיט אַ זִיסְקֵייט, און אוֹיבּ מֶען לֵייגְט עֶס אַרַיין נִישְׁט רִיכְטִיג, טוּט עֶס אוֹיף דִי פַארְקֶערְטֶע, יֶעצְט זֶע אִיךְ עֶס!

דֶערְפַאר וִויל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן, אַז עֶס קוּמְט אַ קִינְד אִין סְקוּל וָואס גֵייט נִישְׁט אָנְגֶעטוּן ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן, זָאגְט פַארְ'ן קִינְד אַ גוּט וָוארְט, **"בִּיסְט אַזוֹי ווֹאוֹיל"**, **"בִּיסְט אַזַא גוּטְסְקֵייט"**, **"בִּיסְט אַזוֹי אֵיידְל"**, זֵיי זֶענֶען דָאךְ יוּנְגֶע קִינְדֶער, עֶס הָאט דָאךְ גָארְנִישְׁט מִיט זֵיי, עֶס הָאט מִיט דִי מַאמֶע, און אֲפִילוּ בַּיי דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער אִיז אוֹיךְ הַיינְט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דִי מַאמֶע זָאגְט מִיט וֶועלְכֶע קְלֵייד מֶען זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן.

## ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן קְרִיטִיק פַאר עֶלְטֶערְן

וָואס זָאל מֶען טוּן וֶוען אַ קִינְד קוּמְט נִישְׁט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל? - מֶען זָאל עֶס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי אָפִּיס, און דִי אָפִּיס זָאל עֶס זָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן. און דִי אָפִּיס דַארְף וִויסְן ווִי אַזוֹי צוּ עֶס זָאגְן, כְּדֵי עֶס זָאל פּוֹעֵלְ'ן; מֶען דַארְף עֶס זָאגְן גוּט, רִיכְטִיג, שֵׁיין און זַייעֶר וֵוייךְ, וַוייל אַסַאךְ מָאל גֶעשֶׁעט אוֹיבּ מֶען זָאגְט עֶס צוּ שְׁטַארְק, מַאכְט עֶס אַ רִיס צְוִוישְׁן דִי עֶלְטֶערְן און דִי מוֹסָד, און וֶוער לַיידְט דֶערְפוּן? - דִי קִינְדֶער! וַוייל דִי קִינְדֶער הֶערְן פוּן דִי מַאמֶע: **"וֶוער הָאט עֶס גֶעזָאגְט? דִי פְּרִינְצִיפְּל הָאט עֶס גֶעזָאגְט? עֶס אִיז שְׁטוּתִים! דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט עֶס גֶעזָאגְט? עֶס אִיז שְׁטוּתִים!"** און דָאס קִינְד קֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט מְקַבֵּל זַיין אִין סְקוּל, וַוייל זִי אִיז צֶעמִישְׁט.

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ טְשֶׁעפֶּען און גַנְבְ'עֶנֶען?

אַ מְלַמֵד פְרֶעגְט: וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט אַ קִינְד וָואס הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ טְשֶׁעפֶּען, און

אַ קינד וואס הערט נישט אויף צו גנב'ענען?

איך וויל דיר פרעגן: וואס מיינסטו? דו מיינסט אז דער קינד וויל טשעפען? דער קינד וויל גנב'ענען? פארקערט, האב רחמנות אויף דעם קינד, דער קינד מוטשעט זיך מיט זיין שווערע נאטור!

יעצט, עס מיינט נישט מען זאל רחמנות האבן אויפ'ן קינד און אים עס לאזן ווייטער טון... ווייל זיך נישט וואוסנדיג מאכן - איז זיכער נישט אויסגעהאלטן, א קינד וואס טשעפעט אדער גנב'עט, דארף מען אים אויסלערנען אז מען טאר נישט טשעפען און מען טאר נישט גנב'ענען, אבער האב אים נישט פיינט, אז דו האסט פיינט דעם קינד טארסטו שוין נישט זיין דעם קינד'ס מלמד, אז דער קינד טשעפעט אדער גנב'עט, זאג אים נאכאמאל: **"מען טאר נישט טשעפען" "מען טאר נישט גנב'ענען", "דער אייבערשטער זעט"**, נאכדעם קען מען זיך דורכרעדן מיט'ן מנהל און מנהלת צו זען וואס מען קען טון אז דער קינד זאל עס דערהערן.

אבער מען קען נישט אפשטעמפלען א קינד אלס א גנב, א טשעפעניאק, א שטערער און א קינד וואס האלט ביי גארנישט.

וואס הייסט דער קינד האלט נישט ביי גארנישט? ער איז דאך נאר א קינד?!

## וואס ווערט בלייבן אין צוואנציג יאר ארום?

איך וויל זיך באדאנקען פאר אלע וואס זענען געקומען זיין איינגעשטעלט אין סקול דעם זומער, איך ווייס קלאר אז ווער עס קומט ארבעטן ביי אונז אין מוסד, קומט נישט צוליב דעם געהאלט, ווייל מיר געבן א פשוט'ע געהאלט, און ווייניגער פון פשוט...

וואס וואלט איך געקענט טון ווען אלע טיטשערס וואלטן געזאגט אז זומער ווילן זיי גיין זיך בראטן אונטער די זון, וואלט איך דאך נישט געהאט קיין טיטשערס; איך פריי זיך אז עס איז דא א גאנצע חבורה וואס ווילן ארבעטן פארן רבי'ן און האבן א געפיל אויפצושטעלן שיינע דורות.

צו קומען ארבעטן מיט אידישע קינדער איז א מורא'דיגע זאך, ווייל דער זומער גייט אריבער און וואס ווערט בלייבן פון דעם זומער? פרעגטס די עלטערע טיטשערס: **"וואס געדענקסטו פון צען יאר צוריק זומער? געדענקסט דיין טען (זיך אפגעבראטן אויף דער זון)?"** ניין! עס בלייבט גארנישט פון דעם, אוודאי מעג א פרוי קעיר נעמען פון זיך, מען קען זיך טענען אויף דער זון, שווימען און מאכן עקסערסייז (איבונגען), אבער וואס בלייבט פון א מענטש?!

איך האב געהערט פון מיין מאמע תחי' זייער א גוט ווארט, זי האט עס אמאל געזען הענגען אין א אפיס פון א סקול, עס איז איר זייער אריין אין די ביינער, און זי בעט מיר כסדר איך זאל עס איבערזאגן פאר די איינגעשטעלטע פון אונזער מוסד; דער צעטל איז געווען געשריבן אין ענגליש, איך וועל עס איבער טייטשן אין אידיש.

**"אין הונדערט יאר ארום, וועט קיינער נישט וויסן מיט וואס פאר א קלייד דו ביסט געגאנגען אנגעטון, וואס פאר א קאר דו האסט געדרייווט, וואס פאר א הויז דו האסט געהאט, מיט וואס פאר א שטיוול דו ביסט געגאנגען אנגעטון, איין זאך וועט מען יא געדענקען: וואס דו האסט געטון פאר א קינד'ס לעבן, וואס דו האסט צוגעגעבן פאר א קינד'ס לעבן, אז דו האסט געגעבן א שמייכל פאר א קינד, דו האסט געגעבן א גוט ווארט פאר א קינד, האסט געהאלפן א קינד, האסט אויסגעהערט א קינד, האסט געגעבן דיין הארץ פאר א קינד!"**

זי האט אנגעכאפט א ביישפיל פון 'הונדערט יאר ארום', איך ווייס אבער נישט צי מען דארף טאקע אנכאפן א ביישפיל פון 'הונדערט יאר ארום', מען קען אפילו אנכאפן 'צוואנציג יאר ארום'; אין צוואנציג, דרייסיג יאר ארום, וועלן מיר שוין אויך נישט זיין יונג, דעמאלט וועט מען צוריק קוקן צו די פריערדיגע יארן, וואס נעמט מען מיט פון די אלע יארן? נאר וואס מען האט אריינגעלייגט אין די קינדער! דאס וועט בלייבן, און דאס וועלן מיר מיטנעמען אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט.

## בעטס יעדן טאג דעם אייבערשטן 'למען לא נגע לריק'

איך וויל ענק מחזק זיין אויף תפלה, בעטס יעדן טאג דעם אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער העלף מיך איך זאל ליב האבן מיינע תלמידים, און איך זאל מצליח זיין מיט מיינע תלמידים; הייליגער באשעפער העלף מיר 'למען לא ניגע לריק, ולא נלד לבהלה', איך זאל זיך נישט מוטשען אומזיסט"**, עס קען אמאל דורכגיין א גאנצע יאר, מען מוטשעט זיך און עס קומט גארנישט ארויס פון דעם, דעריבער דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן: **"למען לא ניגע לריק, ולא נלד לבהלה, איך זאל נישט סתם ארבעטן פאר גארנישט, נאר עס זאל ארויסקומען פון דעם גוטע זאכן."**

## פרעגן די שאלות פונעם מנהל און מנהלת

יעצט וויל איך בעטן א פריוואטע זאך פון די מלמדים און טיטשערס, אזוי ווי דער מוסד ווערט גרויס, מוז מען מאכן אז זאכן זאלן ארבעטן, מען קען נישט מאכן אז עס זאל פלאצן; אין אנהייב ווען מען האט געעפנט די מוסד, האט מען יעדע שאלה וואס האט געהאט צוטון מיט די מוסד, געפרעגט פונעם ראש ישיבה, אבער אזוי ווי די מוסד ווערט גרויס, איז ריכטיג אז מען זאל אלעס דורכשמועסן מיט'ן מנהל און מנהלת.

אויב איינער פילט אז ער האט עפעס מיט'ן מנהל און מנהלת, מען פארשטייט אים נישט, אדער אז מען האט אים פיינט; נישט קיין חילוק צי עס איז אמת אדער נישט, אסאך מאל בויט זיך אזעלכע קאמפלעקסן אין א מענטש, דעמאלט קען מען גיין ארויפצער צום ראש ישיבה, אבער סתם שאלות, ווי צום ביישפיל, **"וואס זאל איך טון מיט א קינד וואס האט גענומען די סקאטש טעיפ און שערל פון מיין טיש"**, וכדומה, איך קען דיך יעצט ענטפערן, אבער די צייט ווערט אוועק גענומען פון די מוסד עס זאל ווייטער וואקסן, איך קען אין די צייט טון אנדערע זאכן.

דעריבער וויל איך ענק בעטן, מען זאל ביי יעדע שאלה טראכטן פון וועם קען מען עס פרעגן, עס איז דא זאכן וואס מען קען פרעגן פון די סעקרעטערי, נאכדעם שאלות אין חינוך זאל מען פרעגן פון אנדערע מלמדים און טיטשערס, און זיכער פונעם מנהל און מנהלת.

דער אייבערשטער זאל העלפן, עטץ זאלטס זוכה זיין צו האבן א שיינע זומער, און האבן הצלחה און סייעתא דשמיא, און דער אייבערשטער זאל דא רוען, אמן.

חינוך אפטיילונג
אויף קול ברסלב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

## ווי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דִי פַּחַד פוּן אַן עֶלֶעוועיטָאר פוּן אַ קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיט״א,

אִיךְ בִּין אֵיינְמָאל גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין אַן עֶלֶעוועיטָאר מִיט מַיין פִינְף יֶערִיגֶע טָאכְטֶערְל, אוּן זַייט דֶעמָאלְט אִיז זִי גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַ פַּחַד פוּן אַן עֶלֶעוועיטָאר אוּן זִי ווִיל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַן עֶלֶעוועיטָאר; ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אִיר דִי פַּחַד?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ח אִיָּיר, מ״ג לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְע ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי גְרִינְגְסְטֶע ווֶעג אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען אַזֶעלְכֶע פְּחָדִים אִיז דוּרְךְ רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, פָּשׁוּט׳עֶ ווֶערְטֶער; רֶעד מִיט דַיינֶע קִינְדֶער: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן קֵיין שְׁלֶעכְטְס פַּארְן מֶענְטְשׁ נָאר אוֹיבּ מֶען זָאגְט אַזוֹי אִין הִימֶל, מֶען קֶען נִישְׁט כַאפְּן אַ קְלַאפּ אִין פִינְגֶער נָאר אַז מֶען הָאט אַזוֹי אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימֶל״, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (חולין ז.): ״אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה״; דָאס נֶעמְט אַווֶעק אַלֶע פְּחָדִים, מֶען לֶעבְּט רוּאִיג אוּן זִיכֶער.

קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן ווַארְטְן נִישְׁט אוֹיף אַ בְּרָאךְ אוּן נָאכְן בְּרָאךְ הוֹיבְּט מֶען אָן רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, נָאר ווֶען מֶען קֶען נָאר - רֶעדְט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה. ווֶען עֶס אִיז דָא אַ שְׁמוּעֶס דְרֵייט מֶען אַרַיין מִיט חָכְמָה - אֱמוּנָה; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס, נָאר עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר אִיז אִיבֶּעראַל; אַזוֹי, אוֹיבּ עֶפֶּעס פַּאסִירְט - אִיז מֶען שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בהעלותך תשפ״ד)

## ווָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג צוּ אַ גֶעבּוּרְטְסְטָאג פוּן אַ קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיט״א,

ווָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג צוּ אַ גֶעבּוּרְטְסְטָאג פוּן אַ קִינְד? בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן אַזַא זַאךְ, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט גֶעמַאכְט קֵיין שׁוּם עֵסֶק פוּן אַ גֶעבּוּרְטְסְטָאג, ווִידֶער בַּיי מַיין ווַייבּ׳ס מִשְׁפָּחָה אִיז פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, מֶען הָאט גֶעמַאכְט גָאר גְרוֹיסֶע אוּן עֶרְנְסְטֶע זַאכְן בַּיי אַ גֶעבּוּרְטְסְטָאג.

מִיר פְרֶעגְן זִיךְ אַלֵיין יֶעדֶעס מָאל פוּן פְרִישׁ, סְפֶּעצִיעֶל ווֶען דִי קִינְדֶער הוֹיבְּן שׁוֹין אָן מֶער אוּנְטֶערְצוּוואַקְסְן, ווָאס אִיז טַאקֶע דִי רִיכְטִיגֶע ווֶעג בַּיי דֶעם, דַארְף מֶען מַאכְן אַ מַצָּב פוּן אַ גֶעבּוּרְטְסְטָאג אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ח אִיָּיר, מ״ג לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט קֵיין עֵסֶק פוּן דִי גֶעבּוּרְטְסְטָאג, נָאר ווֶען מֶען אִיז עֶלְטֶער, מֶען אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ - נִיצְט מֶען אוֹיס דֶעם טָאג פַאר אַ טָאג פוּן תְּשׁוּבָה, מֶען בַּארֶעכְנְט זִיךְ ׳ווָאוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער ווֶעלְט? ווָאס טוּ אִיךְ אוּן ווָאס קֶען אִיךְ מַאכְן נָאךְ בֶּעסֶער?׳ דָאס אִיז בַּיי אוּנְז אַ יוֹם הוּלֶדֶת.

בַּיי דִי קִינְדֶער׳ס גֶעבּוּרְטְסְטָאג פִּירְט מֶען זִיךְ אַז דִי עֶלְטֶערְן ווִינְטְשְׁן אָן דֶעם קִינְד אַז עֶר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן מֶען הֶעלְפְּט דֶעם קִינְד טְרַאכְטְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע קַבָּלָה זִיךְ צוּ אוּנְטֶערְנֶעמֶען.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן אַז דֶער עֶנְטְפֶער אִיז נָאר אַז בֵּיידֶע, סַיי דֶער מַאן אוּן סַיי דִי ווַייבּ - ווִילְן הֶערְן ווָאס דָא שְׁטֵייט, אָבֶּער אַז דִי ווַייבּ ווִיל יָא מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּן זִי ווַארְט אוֹיף אַ מַתָּנָה, דָאס אִיז בַּיי אִיר מַמָּשׁ אַ שְׁטִיק לֶעבְּן וְכוּ׳ - דֶערְמָאלְט קֶען מֶען מַאכְן אִין שְׁטוּב פְּרִיוואַט אַ סְעוּדָה אוּן גֶעבְּן אַ מַתָּנָה.

הָעִקָּר זָאל זַיין שָׁלוֹם מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בהעלותך תשפ״ד)

## זָאל אִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין חֵדֶר קִינְדֶער פוּן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיט״א,

אִיךְ בִּין אַ מְנַהֵל אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, לֶעצְטֶע ווָאךְ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ פְרוּמֶער אִיד, אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר ווִיל אַרַיינְלֵייגְן זַיינֶע קִינְדֶער בַּיי אוּנְז. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ זַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי קוּקְן אוֹיס וואוֹילֶע קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווָאסֶערֶע חִינוּךְ זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען פַאר זֵיי זֶענֶען אַהֶער גֶעקוּמֶען, זָאל אִיךְ זֵיי אַרַיין נֶעמֶען?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י״ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ זֵיי אַרַיינְנֶעמֶען; ווָאס זֶענֶען מִיר בֶּעסֶער ווִי זֵיי? הֲלַוַאי זָאלְן מִיר אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן, מִיר זָאלְן אוֹיךְ זַיין בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה.

דִי אַלֶע ווָאס גְרוֹיסְן זִיךְ אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן נֶעמֶען נִישְׁט אַרַיין קֵיין קִינְדֶער פוּן אַזֶעלְכֶע מִשְׁפָּחוֹת, נָאר פוּן אַזֶעלְכֶע סָארְט מִשְׁפָּחוֹת - דִי זֶענֶען עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִּין, זֵיי ווֶעלְן דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן אַן עֶנְטְפֶער אוֹיף נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל ווָאס ווַאלְגֶערְן זִיךְ אִין דִי גַאסְן, אַזוֹי ווִי יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא קְלַאגְט (איכה ד, א-ב): ״תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת, בְּנֵי צִיּוֹן הַיְקָרִים הַמְסֻלָּאִים בַּפָּז״.

אַז דוּ ווֶעסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי ווֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת וירא תשפ״ב)


צוּ בַּאקוּמֶען ווֶעכֶנְטְלִיךְ דֶעם גִלְיוֹן, בִּיטֶע שְׁרַייבְּט צוּ: jhbul1234@gmail.com



קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876